בס"ד

# תורת אביגדור

## פרשת בהעלותך




משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

## דער תפקיד פון א מענטש - וואס מער אויסארבעטן זיין חכמה

### וואס מיינט דעה

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה **ויהי בנסוע הארון ויאמר משה קומה ה' ויפוצו אויביך** ..... און נאכדעם **ובנוחה יאמר שובה ה' רבבות אלפי ישראל** - ווען מ'האט צוריק געשטעלט דעם משכן, האט משה רבינו יעדע מאל געזאגט א תפלה אז די שכינה זאל צוריק קומען רוהן אין די משכן.

איז די פראגע אז דער אויבערשטער האט זיי שוין געזאגט **ושכנתי בתוך בני ישראל** (שמות כט מה), אז מ'האט שוין געמאכט דעם משכן איין מאל וואלט דאס געדארפט זיין גענוג אויף אלעמאל, אבער ס'איז משמע אז א תנאי אינעם השראת השכינה איז, אז יעדע מאל זאל מען מוזן צוריק אויפשטעלן דעם משכן? פארוואס האט מען געדארפט האבן פאר די השראת השכינה אז דער משכן זאל צוריק אויפגעשטעלט ווערן?

און בכלל דארף מען פארשטיין וואס איז באמת דער קשר צווישן בויען א 'בנין' פאר א משכן מיט די 'השראת השכינה'?

אין די תפלה **אתה חונן לאדם דַעַת** זאגן מיר **חננו מאתך דֵעָה בינה והַשְֹכֵל** (נוסח אשכנז) פארשטייען מיר אז דאס זענען צוויי ענינים, קודם זאגען מיר 'אתה חונן לאדם דעת' דאס איז א ברכה, א הכרת טוב, פאר די מתנה פון שכל. דאס אליין אז ער איז א שפוי בדעתו, אז ער האט א נארמאלן שכל, דאס אליין איז גאר א גרויסע ברכה, ברוך אתה ה' חונן הדעת! דאס אז ער איז נישט משוגע, איז ברוך ה'! - דאס איז דער פשוט'ער פשט ברוך אתה ה' חונן הדעת, - אז מ'איז א נארמאלער מענטש איז א גרויסער ברכה! א מתנה גדולה! א נס! צענדליגער טויזנטער פרטים זענען נויטיג אז א מענטש זאל קענען לעבן א נארמאלן פשוט'ן לעבן, מיטן פשוט'ן שכל, און דאס איז פון די גרעסטע נפלאות הבורא, און פון די גרעסטע חסדים, ברוך אתה ה' חונן הדעת! - דאס איז א מתנה וואס דער אויבערשטער געט אונז, **אתה חונן לאדם דעת.**

יעצט אבער בעטן מיר נאכמער **חננו מאתך דעה בינה והשכל.**

וואס מיינט **דעה**? 'דעה' מיינט אז די חכמה וואס מ'האט שוין געוואוסט מיט ידיעה שכלית זאל יעצט ווערן ידיעה חושית.

דאס מיינט, אז מ'זאל נעמען די חכמה וואס מ'לערנט, די ידיעות וואס מ'קריגט - סיי די ידיעות וואס מ'קריגט פון תורה, סיי די ידיעות וואס מ'קריגט פון וואס דער אויבערשטער ווייזט אונז אין די מקראות החיים, דאס וואס פאסירט אין לעבן, - און מ'נוצט די "חכמה" צו שאפן "דעה" פון דעם.

צום ביישפיל איינער לערנט חומש **בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ,** ווייסט ער דאס אבער נאר ידיעה שכלית, ער איז מאמין אז דער אויבערשטער איז דער בורא שמים וארץ, יעצט איז זיין תפקיד אין לעבן אז ס'זאל ווערן א ידיעה אין חוש, ער זאל 'מרגיש' זיין אז ס'איז טאקע אזוי.

און אויף דעם דארף ער ארבעטן, דורך 'לערנען', אדער דורך 'טראכטן', אדער דורך 'קוקן אויף די בריאה' און דערזעהן די סימני החכמה אין די בריאה, די נפלאות הבורא, סיי וואס עס איז, מוז מען ארבעטן אויף דעם.

און דער אופן פון ארבעטן רופט זיך "בינה", ווייל בינה הייסט **להבין דבר מתוך דבר** (עי' חגיגה יד.) דורכן בינה נעמט מען די חכמה וואס מ'האט געלערנט און מ'ארבעט דאס איבער ביז ס'ווערט דעה - וואס דעה מיינט ידיעה חושית.

איז **אתה חונן לאדם דעת** דאס איז די התחלה, הכרת טוב אויפן פשוט'ן נארמאלן שכל. נאכדעם בעט מען דעם אויבערשטען נאכמער, **וחננו מאתך דעה בינה** ער זאל אונז העלפן, אז מיטן כח פון 'בינה' זאל מען אויסנוצן די 'חכמה' וואס מיר לערנען און דאס איבער-ארבעטן אז ס'זאל ווערן 'דעה'.

- **השכל** דאס איז שוין א נייע זאך, 'השכל' מיינט "צו לעבן למעשה מיטן שכל", דאס וואס מען האט שוין אויפגעטועט, מ'האט שוין קונה געווען דעה, יעצט אז מ'נוצט דאס למעשה ווערט דאס השכל, אזוי ווי עס שטייט (שמואל-א יח יד ורש"י) **ויהי דוד בכל דרכיו משכיל** און דער טייטש איז **מצליח** ווייל ער האט געלעבט למעשה מיטן שכל. -

קומט אויס אז דער ארבעט פון שאפן דעה פונעם חכמה, איז די ארבעט דאס צו מאכן מרגיש זיין בחוש.

## די גרויסקייט פון דור המדבר

**איז** יעצט אזוי, די דור המדבר זיי האבן אלע פארשטאנען, זיי האבן געזעהן קריעת ים סוף, זיי האבן געזעהן מעמד הר סיני, זיי האבען געזעהן! ביי דעם דור המדבר איז נישט געווען דער קלענסטער ספק אין אמונה, און קיין שום שפעטער'דיגער דור האט נישט געקענט באקומען אזא השגה אין אמונה אזוי קלאר און אזוי שארף ווי דער דור דעה, "דער דור המדבר האט געזעהן וואס קיינער האט נישט געזעהן", אבער **וינסו אותי זה עשר פעמים** (במדבר יד כב), ווייל זיי האבן געוואלט נאכאנאנד זעהן נאכמער, זיי האבען געזאגט **רצוננו לראות את מלכנו** (מכילתא יתרו יט ט).

און אפילו משה רבינו האט געזאגט **הראני נא את כבודך** (שמות לג יח), וואס האט איהם געפעלט? אז דער אויבערשטער האט גערעדט צו איהם ביים סנה, ער האט

געזעהן די מכות אין מצרים, קריעת ים סוף, ער איז געווען אויף הר סיני צוזאמען מיטן שכינה אליין פערציג טעג און נאכאמאל פערציג טעג, דאך האט ער געבעטן הראני נא, פארוואס?

ווייל דאס איז דער תפקיד פון א מענטש - ער זאל וועלן וואס מער אויסארבעטן זיין חכמה, זיינע ידיעות, אז ס'זאל ווערן א שארפערער און א שארפערער ידיעה.

און דאס איז באמת דער גן עדן, אין גן עדן איז א גרויסע שמחה, **צדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהם ונהנים מזיו השכינה (ברכות יז.)**, אה זיי דערזעהן! **ואמר ביום ההוא הנה אלקינו זה קוינו לו (ישעי' כה ט)**, דאס וועט מען זאגן 'ביום ההוא' אין יענעם טאג, אין עולם הבא, **הנה אלקינו זה**, "זה" זאגט די גמרא **כל אחד ואחד מראה באצבעו (תענית לא.)**.

אויף אט די קלארקייט שטרעבט דער מענטש'ס נשמה, עס גארט, עס דורשט אויף דעם, דער מענטש דורשט צו קומען נענטער און נענטער און זעהן וואס מער, **רצוננו לראות את מלכנו!**

איז כדי צו העלפן אז די ידיעה שכלית זאל איבער-געארבעט ווערן אויף ידיעה חושית, איז נויטיג א משכן.

וואס מיינט א משכן? אז מען שטייט אין מדבר אינעם מחנה ישראל און מען פרעגט למשל וואו איז דער ארט פון אהרן הכהן? ענטפערט מען דארט וואוינט ער, דאס איז זיין אהל. וואו וואוינט משה רבינו? דארטן. און ווען מ'פרעגט וואו וואוינט הקב"ה? ווייזט מען מיטן פינגער "דא"!.

ער וואוינט דא?! ס'איז דאך **מלא כל הארץ כבודו?** יא! ער וואוינט דא, ער האט אליין געזאגט **ושכנתי**, מיין שכינה וועט אוועק גיין און איבערלאזן די מרחקים פון שמים און איך וועל זיך באזעצן צווישן אייך דא, וואו עס וועט זיין א משכן וועל איך זיין ממש דא. און קוקנדיג אויף דעם משכן האט מען באקומען א ידיעה חושית דא איז הקב"ה! דאס איז אזא ידיעה וואס איז שטארקער ווי אלע ידיעות וואס מ'האט געקריגן ביז יעצט. ממש דא וואוינט ער! דא איז זיין שכינה! דא איז זיין אדרעס! ווי קען מען זאגן אזא זאך? זאגט דער אויבערשטער פרעג נישט קיין קשיות, דא איז מיין ארט, דאס איז מיין היים, ושכנתי בתוך בני ישראל.

איז כל זמן עס איז דא א משכן איז דא א ידיעה חושית. אבער ווען מ'האט פונאנדער-גענומען דעם משכן, **ויהי בנסוע הארון**, דאן איז אין א כל שהוא אפגעשוואכט געווארן די ידיעה חושית,

## משה רבינו בעט פאר אונז

**ווען** דעם **ובנוחה יאמר** האט משה רבינו געבעטן אז אט די זאך זאל נאכאמאל פונדאסניי צוריק קומען, **שובה ה' רבבות אלפי ישראל**, ער האט געבעטן אז די שכינה זאל נאכאמאל צוריק קומען אין דעם ארט ווי עס איז געווען פריער, און מיר זאלן אלע 'מרגיש' זיין אז הקב"ה איז נאכאמאל **שוכן**

**בתוך בני ישראל.**

**ושם נעבדך ביראה כימי עולם,** אט דאס איז דער תפקיד פונעם משכן און פונעם בית המקדש. אז מען קומט דארטן זעט מען אז דאס איז א משכן פון א מלך, ס'איז געווען כהנים בעבודתם, מען האט געזעהן אז דאס איז א משכן פון א מלך, און דא זענען די עבדי המלך, אלע גייען בארוועס, און מען איז משרתים פון מלך. און אפילו דער כהן גדול האט געטראגן א **אפוד,** דער אפוד איז א פארטוך, אפילו ער איז געווען אנגעטוען מיט בריליאנטן, אבער א פארטוך אויך, ווייל ער איז געווען א משרת פונעם מלך, אלע האבן געזעהן אז דא איז א ארט פונעם מלך וואו דער מלך האט זיך באזעצט, און קוקנדיג אויף די עבודת בית המקדש האט מען דערזעהן בחוש - מ'האט געפילט - מ'האט מרגיש געווען מיט א שטארקייט וואס מ'האט נישט געקענט קונה זיין אָן דעם, דאס איז דער תפקיד פונעם מקדש.

חז"ל זאגן **מלמד ששקולה מיתת צדיקים כשריפת בית אלקינו** (ראש השנה יח:), דאס איז נישט קיין גוזמא! א צדיק איז א בית אלקים, און מיתת צדיקים איז געווען ביי חז"ל ווי א חורבן בית המקדש, ס'איז נישט קיין דוגמא, עס איז נישט קיין גוזמא בעלמא, נאר ממש כשריפת בית המקדש.

זאגט די גמרא אנדערש-וואו אז **גדולה דעה** (ברכות לג.), ווי גרויס איז דאס 'דעה'! די קלארקייט וואס א מענטש באקומט דורך זיין יגיעה וואס ער האט געארבעט אויף זיין 'חכמה', ער האט 'מתבונן' געווען ביז ער איז צוגעקומען צו אט די גרויסע מדריגה וואס רופט זיך 'דעה'. **כל אדם שיש בו דעה כאילו נבנה בית המקדש בימיו.** אזוי שטייט 'כאילו נבנה בית המקדש בימיו'! איז דער פשט ווייל די שכינה איז אין זיין קאפ, אין זיין שכל, אויב האט ער אמונה חושית איז טאקע **ושכנתי בתוכם,** דארט וואו דער מענטש איז, אז ער האט זיך אויסגעארבעט איז 'ער' געווארן א משכן, דער מענטש פערזענליך איז געווארן א משכן, און די שכינה רוהט אין איהם. און לויט דעם מאס וואס ער האט געהארעוועט צו באקומען א הרגשה, אמונה חושית, אין אזא מאס רוהט די שכינה אין איהם.

און די דור המדבר וואס זיי האבן געהאט די געלעגנהייט צו קוקן אויפן עצם משכן האבן זיי דערזעהן דעם משכן ממש א געביידע - א היים, און אט דער היים דאס איז דער היים פון הקב"ה.

*

## די תפקיד פונעם בית המקדש

**אבער** באמת איז נאך דא גאר אן אנדערע תפקיד - אסאך א העכערער תפקיד - פארן משכן.

ווען דוד המלך האט געבעטן רשות צו בויען דעם בית המקדש, האט דער נביא איהם געזאגט אז דער אויבערשטער איז נישט מסכים אז 'ער' זאל דאס בויען נאר זיין זון שלמה וועט דאס בויען, דוד האט כאטש געוואלט אנגרייטן אלעס וואס ער קען יא טוען

פארן בנין, האט ער אנגעפאנגען אנקלייבן אלע חומרים, כסף, זהב, און אלעס וואס מ'דארף האבען צו בויען דעם בית המקדש, אזוי שטייט ער האט אלסדינג אנגעגרייט אז שלמה המלך זאל דאס קענען בויען ווען די צייט וועט קומען (דברי הימים-א כב ח). און אפילו א מזמור וואס מ'זאל זינגען ביים חנוכת הבית האט דוד אויך אנגעגרייט, **מזמור שיר חנוכת הבית לדוד** דאס האט דוד אנגעגרייט אז מ'זאל דעם מזמור זינגען בשעת מ'וועט מחנך זיין דעם בית המקדש (תהלים ל א רש"י).

איז כדי צו פארשטיין דעם תפקיד פונעם בית המקדש. איז זייער וויכטיג אז מ'זאל אריינקוקן אינעם אט די מזמור, ער הייבט אן **מזמור שיר חנוכת "הבית" לדוד,** דאס איז דער מזמור פון חנוכת "הבית", אבער נאך די ווערטער שטייט מער נישט אינעם גאנצן מזמור קיין איין ווארט וועגן דעם בית המקדש, דאס דארף מען פארשטיין פארוואס שטייט מער גארנישט דערמאנט וועגן דעם בית המקדש?

וואס שטייט יא דארט **ארוממך ה' כי דילתני ולא שמחת אויבי לי: ה' אלקי שועתי אליך ותרפאני:** און **למען יזמרך כבוד ולא ידום ה' אלקי לעולם אודך:** אוֹדֶךָּ! דער גאנצער מזמור רעדט נאר וועגן הודאה, הכרת טוב פאר די חסדי ה', טא וואס האט דאס צו טוען מיט דעם בית המקדש?

דער תירוץ איז, אז דאס איז דער בית המקדש, דער גאנצער בנין איז א אויסדרוק פון דאנקבארקייט צו הקב"ה, און אלעס וואס מ'האט געטוען דארט איז נאר צוליב דעם וואס מ'וויל זאגן צו הקב"ה א הכרת טוב פאר די חסדי ה', דאס איז דער כוונה פונעם "משכן", דאס איז דער כוונה פון "עבודת" בית המקדש, דאס איז דער כוונה פון אלע "כלים" אין בית המקדש, אלעס איז מיט איין כוונה צו זאגן צו הקב"ה ארוממך ה' כי דילתני, און למען יזמרך כבוד ולא ידום ה' אלקי לעולם אודך, דאס זאגט דער בית המקדש!

און דערפאר לאמיר א קוק טוען אויף די ענינים פון בית המקדש כדי צו זעהן ווי אלעס ווייזט אויף אט דעם ענין פון הודאה.

**ארון:** **וואס** איז געווען דער ארון הברית? **ארון הברית** זאגן חז"ל דאס איז **כנגד הלב** (זוה"ק שלח, ועיין כוזרי ב כח). **זהב טהור מבית ומחוץ תצפנו** (שמות כה יא), דער לב דארף זיין זהב טהור מבית ומחוץ. און וואס דארף זיין אינעם לב? אינעם לב דארף זיין אזוי ווי עס שטייט **אֵין בארון רק שני לוחות הברית** (מלכים א ח ט), דער לב פון א מענטש - וואס דער ארון איז מרמז אויף דעם - איז פול מיט הכרת טוב צום אויבערשטען, דורך וויאזוי? הכרת טוב דרוקט זיך אויס דורך אנפילן זיין לב מיט דעת ה', אז די תורת ה' איז בלבו דאס איז נאר צו זאגן ה' אלקי לעולם אודך.

**מנורה** **אז** מ'האט געמאכט א מנורה, די מנורה איז הכרת טוב פאר אסאך זאכן:

**א)** הכרת טוב פאר אור **ויהי אור. וירא אלקים את האור כי טוב.** די גרויסע ברכה פון אור!

**ב)** די מנורה איז א הכרת טוב פאר די גרויסע ברכה פון **נר ה' נשמת אדם** (משלי כ כז), 'נשמת אדם' מיינט דעם מענטשן'ס לעבן, נישט די נשמה וואס גייט אין עולם הבא אריין, נאר דאס וואס א מענטש לעבט אויף דער וועלט און ער האט א בחירה אויפצוטוען, אזוי ווי די גמרא זאגט אין מסכת שבת, אז מ'מעג אויסלעשן א לאמפ ליל שבת פאר א חולה שיש בו סכנה **מוטב שיכבה נרו של בשר ודם ואל יכבה נרו של הקב"ה** (עי' שבת ל: ורש"י), דארט מיינט מען נישט די נשמה, ווייל די נשמה וועט זיך נישט אויסלעשן, די נשמה האט א השארת הנפש אויף נצחיות, נאר עס מיינט די נשמה אין חיי העולם הזה, ווען א מענטש קען לעבן און ער האט בחירה, דאס איז אזא מתנה גדולה אז **יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה מכל חיי העולם הבא** (אבות ד יז), אזא מתנה פון נשמת אדם אויף דעם איז דער נר מרמז, הכרת טוב אויף לעבן.

**ג)** די מנורה איז מרמז אויך שהשכינה שורה בישראל **עדות היא לבאי עולם שהשכינה שורה בישראל** (שבת כב:).

קומט אויס אז די מנורה האט כמה אופנים וואס עס דרוקט אויס הכרת טוב צו הקב"ה אויף פארשידענע זאכן.

## קרבנות:

**און** דאס וואס מ'איז מקריב קרבנות, אלע קרבנות זענען א רמז צו דעם קרבן וואס אברהם אבינו האט געוואלט ברענגען זיין זון פאר א עולה, יעדער מענטש ווען ער ברענגט א קרבן איז דאס צו ווייזן הכרת טוב צו הקב"ה וואס האט איהם געגעבן לעבן, ער האט איהם געגעבן א גוף, און ער וואלט מקריב געווען זיך אליין, נאר דער אויבערשטער האט איהם נישט געלאזט, **אל תשלח ידך אל הנער,** ער לאזט נישט, טא וואס טוט דער מענטש ער וויל דאך מקריב זיין? איז אנשטאט זיך ברענגט ער א **איל אחר,** ער ברענגט א קרבן, און ער וויל מיט דעם ווייזן אז דער קרבן דאס בין איך.

**והפשיט את העולה** (ויקרא א ו), פארוואס נעמט מען אראפ דעם הויט פונעם עולה? ווייל כל זמן דער הויט איז אויף די בהמה זעהט דאס אויס ווי א בהמה, אבער ווען מ'שינדט אראפ די הויט, דאן דוכט זיך, זעהט עס אויס ווי אברים פון א מענטש, מ'איז מקריב דעם עולה אנשטאט א מענטש, דאס איז די הכרת טוב.

און דער זריקת הדם, דאס איז מיין דם וואס מען שפריצט אויפן מזבח, מען דאנקט הקב"ה! אלע קרבנות איז א אויסדרוק פון הכרת טוב צו הקב"ה, מיר דאנקען דיר הקב"ה!

די כנענים פלעגן שחט'ן זייערע קינדער צו הקב"ה (עיין סנהדרין לט:), דאס קענען מיר נישט טוען, דער אויבערשטער לאזט נישט, אבער זיי זענען נישט געווען קיין משוגעים זיי האבן געוואלט ווייזן זייער הכרת טוב, וואס טוען מיר, מיר שחט'ן קרבנות צו הקב"ה, דער קרבן איז אנשטאט זיך, מיר ווילן דורכדעם ווייזן אז מיר זענען מכיר דעם חסד פון הקב"ה.

ביי א עולה איז **ונתח אותה לנתחיו** (ויקרא א ו), מען ברענגט נישט דעם גאנצן עולה אויף-איינמאל אויפן מזבח, מען צושניידט דאס איברים-ווייז און מ׳ברענגט יעדער אבר באזונדער, פארוואס? כדי מען זאל מכיר זיין דער חסד אין יעדן אבר, און אז מ׳נעמט דעם אבר און מען הייבט דאס אויף און מען טראגט עס צום מזבח, קוקט מען אויפן אבר און מ׳זעהט נפלאות פון יעדן אבר באזונדער, א חסד ה׳ אין יעדן אבר, **כל עצמותי תאמרנה ה׳ מי כמוך** (תהלים לה י), אלע מיינע חלקים זאגן רבש״ע ווער איז ווי דו! **הראש והרגל...** יעדער אבר באזונדער זינגט צום אויבערשטען, דאס איז דער עולה.

## הכרת טוב איז דער עיקר פונעם משכן.

**קומט** אויס אז די הכרת טוב דאס איז דער עיקר פונעם משכן.

איז דער מענטש וואס ער לעבט מיט א כוונה פון פארשטיין חסדי ה׳, **ארוממך ה׳ כי דיליתני, ה׳ אלקי לעולם אודך**, איז ביסלאכווייז שאפט זיך אין זיין קאפ א גאנצער רייכטוהם א אוצר פון הכרת טוב, און דאס איז די שכינה וואס רוהט אין איהם. זאגט דער אויבערשטער אויב אזוי וועט די שכינה רוהען און איהם מדה כנגד מדה, **ושכנתי בתוכם**, און די צדיקים וואס לעבן מיט די מחשבות זיי ווערן א מקדש, א מקדש ממש.

דאס איז דער כוונה פון ׳דעת׳. אז מ׳זאל נעמען די ידיעת און די חכמה וואס מ׳לערנט און דאס אויסארבעטן צו קומען צו די אמת׳ע הרגשה פון הכרת טוב.

- אז מ׳זאגט שבת **זכר למעשה בראשית** אוודאי איז א געוואלדיגע זאך אז מ׳רעדט וועגן בריאת העולם יֵשׁ מֵאַיִן, דאס איז אזא פלא בריאת העולם יֵשׁ מֵאַיִן, ס׳איז גאר שווער משיג צו זיין אזא נס, פריער איז געווען אַיִן און יעצט איז דא אלע סארטן יֵשׁ פון דעם אַיִן.

אבער דער פלא פון יש מאין איז נאכנישט דער גאנצער זאך פון בראשית, ניין! **מזמור שיר ליום השבת... כי שמחתני ה׳ בפעליך במעשה ידיך ארנן**, אז מ׳דערזעהט דער חסד ה׳ אין די בריאה **עולם חסד יבנה** דאס איז נאך גרעסער ווי דער נס פון יש מאין**.** די וועלט איז באשאפן צוליב חסד, עס איז נישטא קיין איין פרט אין די גאנצע בריאה וואס איז נישט צוליב חסד. -

איז דערפאר די הכרה וואס די צדיקים האבן באקומען ווען זיי האבן געקוקט אויפן משכן, איז נישט סתם א הכרה אינעם מהות פון די שכינה אז הקב״ה רוהט צווישן זיי - וואס דאס אליין איז א געוואלדיגער אויפטו, אזא הרגשה איז א מורא׳דיגער הצלחה פאר א מענטש, -

אבער דאס איז נאר א האלבער ארבעט, די הצלחה איז געווען נאכמער אין פארשטיין דעם חסד ה׳ אין די בריאה, און קוקנדיג אויפן משכן יעדער כלי איז געווען א רמז אויף חסדי ה׳,

**אש תמיד תוקד על המזבח לא תכבה** (ויקרא ו ו), דער אש וואס ברענט איז דער אש וואס מ׳האט געזעהן אויפן הר סיני **אש אוכלת בראש ההר** (שמות כד יח), דער אש

תמיד די שכינה איז צווישן זיי, די שכינה זיצט צווישן זיי טאג און נאכט, לא תכבה! כדי צו ווייזן אז דער מענטש וואס נעמט הקב"ה אריין ביי זיך אין הארצן וועט ער האבן ביי זיך א אש תמיד, און דער אויבערשטער וועט איהם רייך מאכן מיט די שכינה וואס רוהט אין זיין מח שטענדיג, זיין גאנצן לעבן, און ער ווערט ממש א בית המקדש.

און אזוי ווי ביי א מענטש איז דא ריפן ביינער אזוי געפונען מיר ביי די קרשים **צלעות המשכן**. די משכן האט מען באדעקט מיט **עורות אלים מאדמים**, פארוואס מאדמים? פארוואס רויט? וואס עפעס רויט, רויט זעהט אויס ווי עור אדם, עור אדם איז אויך א רויטער, אזוי ווי זיין נאמען 'אדם'.

דער משכן איז געווען א רמז אויף א אדם, אז דער אדם נעמט אריין אין זיך די שכינה, ער טראכט וועגן הקב"ה, וועגן חסדי ה', און ער פילט אן זיין גאנצן מח נאכאנאנד מיט דאס, איז דער מענטש ווערט א משכן ממש! א משכן ממש! ממש! נישט קיין משל נישט קיין דוגמא נאר עס איז ממש א ארט ווי די שכינה רוהט אין איהם.

אויף אט די גרויסע ארבעט פון שאפן א אמונה חושית אויף דעם האט דוד המלך גערעדט אין אשרי (תהלה לדוד), דערפאר איז אשרי פון די וויכטיגע מזמורים, און מיר נוצן דאס טאקע אויס.

## גדולת ה' - חסדי ה'

**אין** אשרי ווערט דערמאנט צוויי זאכן נאכאנאנד: **א)** גדולת ה', **ועזוז נוראותיך יאמרו וגדלותך אספרנה,** נאכאנאנד גדולת ה' נפלאות ה' דאס איז איין חלק פון אשרי, און דאס איז א גרויסער חלק! **ולגדולתו אין חקר!** עס איז גאר קיין ברעג נישטא צו דער ארבעט פון א מענטש'ס חשק וואס ער דארף האבן אין וועלן דערגיין גדולת ה' וויפיל ער קען. **ב)** אבער א צווייטער ענין איז דא אין אשרי, דאס איז חסד ה', **זכר רב טובך יביעו,** נאכאנאנד ווערט דערמאנט חסד ה'.

און יעדן מאל ווען ער רעדט וועגן גדולת ה' גלייך נאכדעם רעדט ער פון חסד ה', **מלכותך מלכות כל עולמים,** איז גלייך נאכדעם **סומך ה' לכל הנופלים זוקף לכל הכפופים** דער חסד ה' וואס ער איז זוקף כפופים, **אמר רבי יוחנן בכל מקום שאתה מוצא גדולתו של הקב"ה** אין אלע פסוקים אין גאנץ תנ"ך וואו עס ווערט דערמאנט וועגן גדולת ה', נפלאות ה', כח ה', **שם אתה מוצא ענוותנותו** דארטן געפונט מען אויך חסדי ה' עס רירט זיך נישט אן חסדי ה' (מגילה לא.).

קומט אויס אז ביידע חלקים זענען נויטיג פאר די הכרה חושית, אבער דער צווייטער חלק איז מכריע ווייל חסדי ה' איז כולל אין זיך דעם נפלאות וואס מ'קען אויפטוען אין דערקענען די גדולת ה'

איז דערפאר וואו דער אויבערשטער דערמאנט גדולתו גלייך נאכדעם קומט א פסוק וואס רעדט וועגן חסדו, גאנץ אשרי אז מען טוט א קוק נאכאנאנד **ועזוז נוראותיך יאמרו וגבורתך ידברו,** גלייך נאכדעם **זכר רב טובך יביעו,** כסדר, ווידער נאכאמאל גדולת ה' און נאכאמאל חסדי ה', ווייל עס גייט צוזאמען.

איז דער מענטש וואס איז זיך מתבונן כל ימיו אין חסדי ה׳ דער מענטש בויעט א משכן, ער ווערט א בית המקדש, און דאס איז דער גאנצער ארבעט פון קרבנות, וואו מ׳געט זיך א ריר אין מסכת זבחים מנחות, איבעראל, די גאנצע עבודת הקדשים איז נאר א ענין פון הכרת טוב, און אויף סיי וואספארא אופן די הלכות גייען, דארף מען פארשטיין אז עס איז א אויסדרוק נאר פונעם ענין פון **ה׳ אלקי לעולם אודך.**

דאס איז געווען בזמן שבית המקדש היה קיים.

און יעצט אז אנשטאט ברענגען די קרבנות זאגן מיר די קרבנות, **ונשלמה פרים שפתינו**, דארף מען וויסן אז דאס איז נאר א רמז, דער אמת׳ער ונשלמה פרים שפתינו איז אז דער מענטש זאל מקריב זיין די קרבנות פון שכל, דער קרבן פון מתבונן זיין אין די גדולת ה׳, קרבנות פון מכיר זיין די חסדי ה׳, דאס איז דער אמת׳ער קרבן. דערפאר דער מענטש וואס ער לעבט א לעבן פון **ה׳ אלקי לעולם אודך**, דער מענטש זאגט א מזמור שיר חנוכת הבית, דאס איז דער שיר.

און ס׳איז א טעות אז מ׳זאל קוקן אויפן טפל און פארגעסן דעם עיקר, אוודאי איז דער משכן וויכטיג, אוודאי זענען די כלים וויכטיג, אוודאי איז דער עבודה וויכטיג, יעדער פרט איז קדש קדשים, אבער עס איז דא נאך א קדש וואס איז נאך אסאך העכער פון אלע קדש קדשים, און דאס איז דער קדש פון מכיר זיין די חסדי ה׳, עס איז נישט פארהאן אין די גאנצע בריאה קיין העכערער זאך ווי דאס וואס א מענטש טראכט און זעהט אז די גאנצע וועלט איז פול נאר מיט חסד ה׳, ווי ער געט זיך א קער זעהט ער **עולם חסד יבנה.**

און דאס איז דער גרויסער ארבעט פונעם **יהודי.** דער נאמען **יהודה** מיינט ער ווערט זאגן **הודאה.**

**הודאה לה׳** **און** דער ווארט הודאה האט צוויי טייטשן, הוד מיינט **א)** הויעכקייט, דערהייבן הקב״ה, מאכן איהם גרויס דאס איז הוד (עי׳ ישעי׳ יא ח ורש״י). **ב)** און הוד מיינט דאנקען, דאנקבארקייט,ביידע זאכן מיינט הוד, ווייל אינעם דאנקבארקייט איז דער אמת׳ער דערהויבנקייט פון אויבערשטען.

איז דער יהודי כל ימיו זאגט ער הודאה, און דאס האט לאה געזאגט ווען זי האט געהאט דעם זון יהודה, **הפעם** - פון דעם זון - **אודה את ה׳** (בראשית כט לה), דאס מיינט פון דעם זון וועט ארויסקומען דוד המלך וואס זיין תהלים וועט זיין א גאנצער לימוד פון **הודאה** און נישט נאר אין גדולת ה׳ א לשון פון הוד אויפהייבן דעם באשעפער נאמען און מאכן איהם העכער און העכער, נאר אויך א הוד פון דאנקבארקייט צום אויבערשטן, "לעולם אודך" דאס איז דער שבט יהודה (מדרש שמואל פרשה כח עי״ש).

און דערפאר פון אלע שבטים איז געבליבן יהודה, און היינט צוטאג זענען מיר אלע יהודים, און קיין גרעסערער נאמען איז נישטא, אזוי ווי עס שטייט אין די מגילה **איש יהודי היה בשושן הבירה ושמו מרדכי בן יאיר בן שמעי בן קיש איש ימיני** (אסתר ב

ה) זאגט אויף דעם די גמרא אז ער האט געהאט אסאך גוטע נעמען, און יעדער נאמען מיינט עפעס, **בן יאיר שהאיר עיניהם של ישראל... (עי' מגילה יב:)**, פארשידענע נעמען האט ער געהאט, אבער דער גרעסטער נאמען - זאגט די גמרא - איז געווען יהודי, קיין גרעסערער טיטול, קיין גרעסערער כבוד קען א מענטש נישט דערגיין ווי צו זיין א יהודי, א מענטש וואס ער לעבט מיט הודאה, און דאס איז געווען דער העכסטער שבח וואס מ'האט געקענט זאגן אויף מרדכי **מרדכי היהודי.**

און דערפאר אז דער מענטש וויל בויען א בית המקדש, און ער ווארט ביז דער אויבערשטער וועט ברענגען די אמונה חושית פון א נייעם בית המקדש ממש, דארף ער אבער וויסן אז דערווייל קען ער אויך בויען א בית המקדש, מיט דאס וואס ער שאפט אין זיין הארץ א משכן פון דעת ה' דורך מכיר זיין גדולת ה', אמונה חושית, און מכיר זיין חסדי ה'. און דורכדעם זאגט דער אויבערשטער וועסטו מקיים זיין **ושכנתי בתוכם!**

זאגט דער אויבערשטער צוליב דעם וואס דער מענטש וויל זיך פירן אין דעם דרך איז **בדרך שאדם רוצה ללכת מוליכין אותו**, וועט דער אויבערשטער אויספירן זיין וואונטש און ער וועט זיין **ושכנתי בתוך בני ישראל.**

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן
אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת

אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**

ניצט אויס די כח פון **מזכה זיין**
און טוהן **חסד** מיט הונדערטער אידן
אריינצובערענגען אין זיי **חיות** און **דעת**

צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט:
**845-213-7571**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן

בס"ד

**מאכט איר א שמחה ? קליין אדער גרויס
מיר זענען גרייט אייך אהערשטעלן א הערליכע
זמירות, סידור מיט קריאת התורה, מיט א אויסוואל
פון די שענסטע גליונות צו באשיינען דעם שבת
טיש.**

# זמירות לשבת קודש

**מיט אדער אן תפילות - קען אויך זיין קריאת התורה**

**עם גליונות של דברי תורה וסיפורי צדיקים**

מוגש בהוקרה לרגל שמחת שבת

**עלי' לתורה**

**שרייבט אריין נאמען פון משפחות - שיחי'**

gilyonosshabbos@gmail.com
**615-680-9029**



# די גרעסטע טראגעדיע היינטיגע צייט

## שאלה:

**דער רב האט געלערנט ביי א שיעור אז אין אונזערע צייטן איבערהויפט אין אמעריקע זענען מיר אזוי 'ביזי' מיט ארבעטן און אנדערע טרדות אז מיר געבן נישט אוועק גענוג צייט צו דאווענען שחרית. וואס איז בעסער דאווענען אזוי אן קיין כוונה אדער בכלל נישט דאווענען?**

## תשובה:

**וואס** עפעס אויפהערן דאווענען? יעדער זאל ווייטער דאווענען די בעסטע וואס זיי קענען. נאר איין זאך וואלט איך געוואלט פארשלאגן אז כאטשיג פאר די ערשטע ברכה פון שמונה עשרה זאל מען אריינלייגן אלע כוחות וואס מען פארמאגט. פאר די ברכה פון מגן אברהם זאל מען זיך מוסר נפש זיין! די ברכה איז מעקב לויט די פוסקים דערפאר איז זייער וויכטיג זיך צו קאנצענטרירן ביי די ברכה. דאס איבעריגע קען מען זיך אונטערנעמען יעדן טאג צו טון אביסל מער און ווען מען וועט דערגרייכן צו די זעכציג אדער אפשר זיבעציג יאר וועט מען שוין זיין טרעניר׳ט צו האלטן דעם מח קאנצענטרירט ביים דאווענען.

**ס'איז** א גרויסע שאד פאר אונזער דאווענען וואס איז נעבעך אן קיין כוונות. מיט אזא דאווענען גייט א גרויסע חלק פון אונזער לעבן לאיבוד. אויב מען וואלט געלערנט די טיפע כוונות פונעם פירוש המילות וואלט אונזער דאווענען אנדערש אויסגעזען. איך וואלט שוין לאנג געוואלט לערנען מיט אייך וועגן דאווענען אבער איך האלט זיך צוריק טאמער עס וועט נישט זיין גענוג אינטערעסאנט פאר ענק. אויף תפילה וואלט איך געקענט רעדן א גאנצע יאר און דאס איז איינע פון מיינע ספעציעלע נושאים וואס איך האב ליב. ס'איז א ציל צו וואס יעדער איד קען דערגרייכן.

**דער** מצב ווי אזוי ס'איז יעצט איז ממש א טראגעדיע ווי קענסער, די קראנקהייט וואס מיר טוען מיט אונזער דאווענען. ס'איז איינע פון די גרעסטע דורכפאל וואס מיר טוען מיט אונזער לעבן דערפאר דארף יעדער מאכן זייער הויפט ציל צוריקצושטעלן תפילה אויף איר ריכטיגע פלאץ.

> **שאלות און תשובות**
> מיט
> ר' אביגדור מיללער זצ"ל

### נדבת השבוע-פ' בהעלותך

נתנדב ע"י נדבן הרוצה בעו"ש

זכות הרבים יעמוד לו ולמשפחתו להתברך בכל מילי דמיטב

בקשה שלא לעיין בשעת התפלה

מהדורות אחת שאלתי
כל הזכיות שמורות